ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתקנ"א
פרשת שופטים
שנת תשפ"ו לפ"ק

ז' תתקצד) עס דערציילט אונז
**הגאון הגדול רבי חיים אורי פריינד שליט"א – חבר הביד"צ ירושלים עיה"ק**

## אש תמיד תוקד על המזבח

דא אין ירושלים עיה"ק האט אלעמאל געברענט א פייער פאר אידישקייט.

דער ראב"ד הגה"ק ר' **דוד הלוי יונגרייז** זלה"ה איז געווען פון די 'משפחת הלוים'... אייניקלעך פון הגה"ק רבי **משה הלוי יונגרייז** ז"ל פון קאשוי. זיי זענען אלע געווען פייער, רבי דוד האט נאך אביסל מיטגענומען דעם פייער.

מיין טאטע ז"ל האט מיר דערציילט אז הגה"ק רבי **מאטעלע הארנאסטייפלער** ז"ל איז דאך געווארן אן איידעם ביים הייליגן **דברי חיים** ז"ל.

אין יענע צייט איז געווען א גזירה אז די פרויען טארן זיך נישט שערן די האר, און די כלה האט זיך געשוירן די האר מיט מסירות נפש ממש. ווען זי האט געברענגט די געשוירענע האר צום טאטן דער הייליגער דברי חיים האט ער **געזאגט "דער פייער פונעם חכם צבי האט זיך נאכנישט פארלאשן"**.

"מיר זענען אויך אייניקלעך פונעם חכם צבי, דורך זיין אייניקל הגה"ק רבי **שאול אמסטערדאמער** ז"ל דער בנין אריאל. ער האט איינגעפלאנצט א פייער פון מסירות נפש. (מתוך שיחה למערכת)

ז' תתקצה) עס דערציילט אונז
**הגה"צ המשפיע רבי אלימלך בידערמאן שליט"א**

## דעם סאטמארער רבי'נס געוויין אויף 'נסיונות'...

מיין טאטע ז"ל - הרה"צ **רבי אלתר אלעזר מנחם מלעלוב** ז"ל, בן הרה"ק רבי **משה מרדכי מלעלוב** ז"ל - פלעגט דערציילן אז ווען דער **סאטמארער רב** ז"ל איז געווען דא אין ארץ ישראל, פלעגט ער גיין צום דאווענען זעהן זיין עבוה"ק.

דער רבי איז שוין געווען אן עלטערער איד, אבער ווען ער איז געקומען צו די ווערטער **"ואל תביאנו וכו' ולא לידי נסיון"**... האט ער דאס איבערגעזאגט, און איבערגע'חזר'ט איינמאל און נאכאמאל בדמעות שליש...

דאס איז געווען דער רבי מיט זיינע מדריגות מיט זיין קדושה. דאס איז א קל וחומר פאר אונז פשוט'ע מענטשן, וויפיל מיר דארפן בעטן און מתפלל זיין צום רבש"ע אז ער זאל אונז נישט ברענגען צו קיין נסיונות.

ב. איך האב זוכה געווען צו זיין א תלמיד פונעם רבי'נס מוסדות אין בני ברק. נאכן רבי'נס הסתלקות איז געווען א יתמות אויף די וועלט.

אין סאטמארער ביהמ"ד אין 'שיכון סאטמאר' איז געווען א גרויסער הספד. איך געדענק שטארק דעם הספד פון **הגאון רבי אליקים שלעזינגער** ז"ל פון לאנדאן... ער האט דארט גערעדט פון סאטמארער רב, בריסקער רב, חזון איש, די דריי, די דריי... זכותם יגן עלינו. (מתוך שיחת חיזוק להמערכת - ה' חו"ב תשפ"ו)

ז' תתקצו) עס דערציילט אונז
**כ"ק אדמו"ר מבישטינא שליט"א** – ירושלים

## מלחמת אמת נגד השקר, ולא התגרות אדם באדם

די הייליגע מידות פון **כ"ק מרן רביה"ק** זלה"ה איז געווען אזוי הייליג אויסגעארבעט למעלה מהשגת אנוש. דאס איז געקומען צום אויסדרוק באזונדער ווען ער האט זיך באגעגנט מיט מענטשן וואס זענען געווען גאר ווייט בעניני אמונות ודיעות, און דער רבי האט געהאט אויף זיי גאר הארבע טענות פאר זייערע פעולות אין די ציוני'סטישע מדינה, פארט האט ער אכטונג געגעבן אויף כבוד הבריות, און בו בזמן וואס ער האט מחולק געווען אויף זייערע שיטות און פעולות אויפן שארפסטן אופן, איז ער געווען זהיר בכבודם אינעם פערזענליכן אופן.

עס איז מיר אמאל אויסגעקומען צו רעדן מיט ר' ש. ל. - וועלכער איז לאנגע יארן געווען א חבר אין כנסת המינים מטעם אגודת ישראל - בתוה"ד האט ער מיר דערציילט אז מיט אסאך יארן צוריק איז אים אויסגעקומען צו באזוכן בביתו נאוה קודש פון **כ"ק מרן רביה"ק** זי"ע, און ווי נאטורליך האט אים דער רבי שארף פארגעהאלטן אויף די פארשידענע עוולות וואס ווערט געטון מטעם אגודת ישראל און די געפערליכע עוולה פון זיך משתתף זיין אינעם כנסת המינים.

אינמיטן דעם פייערדיגן וויכוח רופט זיך אן דער רבי צו אים: "זאגט מיר נאר ר' שלמה, האט איר שוין היינט געגעסן פת שחרית?!".

הערנדיג אז ער האט נישט געגעסן, האט זיך דער רבי אנגערופן צו הרה"ח ר' בנימין הערש בערקאוויטש ז"ל מנהל בית רחל, וועלכער האט זיך געדרייט דארט אין שטוב: "ר' בנימין הערש, גיי אין די קעך, און ברענג פאר'ן גאסט מזונות מיט קאווע", צוגעבנדיג מיט א בליץ בעיניו הק' "צו פירן וויכוחים דארף מען אויך זיין ביי די כוחות. איר דארפט זיך דערכאפן דאס הארץ". האט יענער אויסגעפירט "איך האב נאך אזא אוהב ישראל אמיתי אין מיין לעבן נישט באגעגנט"....

ז' תתקצז) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ג ר' אברהם שמחה הכהן פריעדמאן שליט"א**

## המתחיל במצוה אומרים לו גמור

עס איז אמאל געקומען א איד צו **כ"ק הרה"ק בעל נועם אליעזר מסקולען** זלה"ה זיך מזכיר זיין אויף א מיחוש וואס ער האט געליטן, און דער סקולענער רבי האט אים ווארים אנגעוואונטשן.

א צייט שפעטער ווען דער סקולענער רבי האט באגעגנט דעם איד האט ער אים געפרעגט ווי אזוי ער שפירט? האט דער איד געזאגט אז ער שפירט זיך בעסער. פרעגט אים דער סקולענער רבי 'ווער האט געמאכט אז עס זאל אייך ווערן בעסער?, זאגט דער איד "דער אייבערשטער".

זאגט אים דער סקולענער רבי "נו, בעט פונעם אייבערשטן, המתחיל במצוה אומרים לו גמור, זאל שוין זיין א גאנצע רפואה שלימה'... (לע"נ כ"ק רבי אליעזר זוסיא ב"ר ישראל אברהם ז"ל, היארצייט כ"ט מנחם אב)

ז' תתקצח) עס האט דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' ארי' לייבוש שווארץ ז"ל**

## דעם רבי'נס באזוך ביים חזון איש זלה"ה

איך האב זוכה געווען צו מיטהאלטן דעם איינמאליגן היסטארישן באזוך פון **כ"ק מרן רביה"ק** זלה"ה ביים גאון ישראל **מרן החזון איש** זלה"ה, חודש תמוז תשי"ב.

דער שמועס איז געווען באישון לילה, אין א שפעטע שעה און עס האט זיך פארצויגן גאר לאנג. מ'האט נישט אריינגעלאזט קיין מענטשן צו דעם באזוך, בלויז געציילטע יחידים זענען געווען אינעווייניג, אבער איך האב זוכה געווען דאס צו קענען מיטהאלטן פונדערויסן בבחינת 'משגיח מן החלונות מציץ מן החרכים'.

ווען דער רבי איז אנגעקומען לביתו נאוה קודש, איז איהם דער חזון **איש** אנטקעגן געקומען, און ער האט אים ארומגענומען מיט ביידע הענט, מיט אזא ידידות, אויף אן אופן וואס מ'האט קיינמאל נישט געזעהן ביי איהם אויף אזא פארנעם.

ווען עמיצער האט שפעטער געפרעגט דעם חזון איש, פארוואס ער איז ארויס מגדרו ווען ער האט אויפגענומען דעם סאטמארער רב, האט ער געזאגט:

**"ער איז דער איינציגסטער איד וואס האט נישט מורא ארויסצוזאגן דעם אמת'ן דעת תורה"**.

ב. מען האט זיך אראפגעזעצט, דער רבי האט אנגעהויבן צו רעדן און זאגן אז מ'האט יעצט עוסק געווען אין עניני שמיטה. און דער רבי האט פארגעלייגט פארן חזון איש א חידוש וואס ער האט מחדש געווען אין עניני שמיטה.

עס איז דארט געזעסן בשעת מעשה תלמידו הגדול הגאון בעל **שבט הלוי** ז"ל, און דער חזון איש האט אים געהייסן ברענגען זיין ספר **חזון איש**, און ער האט געוויזן פארן רבי'ן אינעווייניג, אז ער האט שוין געשריבן ממש אט דעם חידוש אין זיין ספר. (איך געדענק נישט צי דאס איז שוין געווען א חידוש וואס איז שוין געווען געדרוקט בשעתו, אדער עס איז געווען פארשריבן צווישן זיינע כתבי ידות).

דער רבי האט ממשיך געווען, און ער האט געזאגט פארן חזון איש נאך א חידוש וואס ער האט מחדש געווען אין די מקצוע, און ער האט געוואלט הערן וואס דער חזו"א זאגט דערצו. האט דער חזו"א ווידער געבעטן צו ברענגען זיין ספר און ער האט געצייגט אז ממש דעם חידוש

נתנדב לעילו נשמת כ"ק אדמו"ר רבי **ישעי' יעקב** בן רבי **ישראל אברהם** ז"ל מסקולען • היארצייט ה' אלול

האט ער שוין געברענגט אין זיין ספר.

ביז עס איז געקומען א דריטע חידוש וואס דער רבי האט געזאגט, האט דער **חזון איש** געזאגט "איך האב דאס טאקע נאכנישט אפגעשריבן, עס איז נאכנישט געדרוקט, אבער איך האב דא אן עד נאמן - הגאון בעל **שבט הלוי** - ער וועט מעיד זיין אז איך האב אים שוין געזאגט דעם חידוש"...

עס איז געווען א מחזה נורא ווי דער רבי זאגט חידושים אין הל' מצות התלויות בארץ פאר'ן חזו"א, וואס ער איז געווען דער מרא דכולה שמעתתא אין די ענינים, און אויף יעדע נקודה זאגט דער חזו"א אז 'דבריו כדברי, ושני נביאים נתנבאו בסגנון אחד".

ג. דערויף האט דער רבי ממשיך געווען צו רעדן מיטן חזון איש איבער ענינים העומדים על הפרק, די גורל'דיגע שאלות וואס זענען געווען עומד על הפרק אין די ערשטע יארן פון די מדינה.

דער שמועס האט זיך פארצויגן איבער דאס נחיצות פון מייסד זיין מוסדות על טהרת הקודש וואס מ'זאל לערנען אויף אידיש, און נישט אויף זייער טמא'נע שפראך. וואס דער חזו"א האט כסדר געזאגט נאכדעם אז נאר דער סאטמארער רב איז מסוגל צו מאכן א מהפיכה אין דעם ענין אין בני ברק.

ד. בתוה"ד ווען דער רבי האט זיך אזוי געקאכט קעגן די אגודה, האט דער חזו"א געזאגט "דער חפץ חיים איז דאך געווען אין די אגודה ?".

האט דער רבי געזאגט "ער האט געהאט א נגיעה".

דער חזו"א האט גארנישט געענטפערט.

שפעטער האט איינער פון די מקורבים איבער געפרעגט דעם רבי'ן "ווי איז שייך צו זאגן אויף אזא אדם גדול ווי דער חפץ חיים, אזא ריינער מענטש, צו זאגן אז ער איז צוגעשטאנען צו 'אגודת ישראל' וועגן נגיעות ?".

האט דער רבי געענטפערט **"חס ושלום, איך האב דען געזאגט אז ער האט געהאט פערזענליכע נגיעות?! עס איז געווען נגיעות פון 'אידישקייט'! ער האט געהאלטן אז לפי המצב קען מען אויפטוהן לטובת הצלת היהדות אין יענע תקופה מיטן כח פון אגודת ישראל"**.

נאכן באזוך איז הגאון השבט הלוי צוגעגאנגען צום רבי'ן און געפרעגט "וואס זאגט דער רבי צום חזון איש ?", האט דער רבי געענטפערט **"ער איז א חכם מחוכם"**...

שפעטער זייענדיג ביים חזון איש האט ער אים געפרעגט "וואס זאגט איר צום סאטמארער רב ?

האט דער חזון איש געזאגט **"ער איז א חכם מחוכם"**...

ה. צווישן די זאכן וואס מ'האט געשמועסט נאכן באזוך איז אויך געווען אז דער רבי איז אנגעקומען צום באזוך באישון לילה, בזמן וואס דער חזון איש פלעגט זיך לייגן זייער צייטליך און אנגעהויבן זיין עבודת היום גאר פריה פארטאגס.

און דער רבי האט באמערקט אינמיטן שמועס אז דער חזון איש איז זייער מיד. האט ער זיך צוגעאיילט צו ענדיגן דעם שמועס. מען האט איהם געדארפט אונטערהאלטן און אים געהאלפן אנקומען ביזן בעט.

האט דער רבי געפרעגט "פארוואס האט מען מיר נישט געזאגט בעפאר אז ער איז אזוי שוואך, איך וואלט קיינמאל נישט געקומען אזוי שפעט ביינאכט"...

שפעטער האט דער רבי מפליא געווען מיט גרויס התרגשות **"כ'האב געזעהן, אזא שוואכער גוף, און אזא טיפן מח, ווי איז דאס מעגליך געווען"**... (מפי הרה"ג רבי שמואל זיינוויל אקערמאן שליט"א ששמע מפיו, ועוד)

ז' תתקצט) עס דערציילט אונז

## הרה"ג ר' דוב יחיאל יושע שאהן שליט"א

### דער כח פון א מעשה פון א צדיק

עס איז געווען אנהויב חודש חשון שנת תשפ"ב, ווען איך האב זיך געגרייט צו פארן צום ציון הקדוש פון מיין הייליגן זיידן **הגה"ק ר' שבתי שעפטיל ווייס ז"ל**, דער **שימאניער רב**, בעל מחבר ספר 'הלכתא רבתי לשבתא', וואס געפאלט אויס ג' מרחשון.

איך בין אריין צו **כ"ק אדמו"ר ר' ישעי' יעקב מ'סקולען זצ"ל** זיך געזעגענען און נעמען ברכת קדשו צו די נסיעה. וויסנדיג אז דער סקולענער רבי האט אסאך מקבל געווען פון **הגה"צ ר' יעקב יצחק ניימאן ז"ל אב"ד פאפא מאנטריאל**, איבער דאס גרויסקייט פון אונזער זיידן דער שימאניער רב.

הערנדיג מיינע ווערטער זאגט מיר דער סקולענער רבי: "איך וויל דיר מיטשיקן א שליחות", ער שטעלט זיך אויף פון פלאץ, ער גייט צו צום ספרים שאנק, און נעמט ארויס דעם ספה"ק "ערוגת הבושם", וואס צווישן די בלעטער פון דעם ספר פלעגט דער סקולענער רבי אריינלייגן שווערע קוויטלעך.

ער נעמט ארויס פון דארט איין קוויטל, און ער זאגט מיר: "זיי מוחל דערצייל מיר, די מעשה וואס איז געווען ביי דיין זיידן דער שימאניער ז"ל, מיט יענעם בחור וואס האט ל"ע געוואלט חתונה האבן מיט א ערלית, ווייל איך האב דא א שווער קוויטל מיט אזא פרשה".

האב איך געפרעגט דעם סקולענער רבי'ן "דער רבי קען דאך די מעשה, וואס דארף איך עס נאכאמאל דערציילן ?!".

זאגט דער סקולענער רבי "מיין הייליגער זיידע, דער **נועם אליעזר**, פלעגט נאכזאגן דעם הייליגן **אפטער רב** אין **'אוהב ישראל'** (ויצא, ד"ה א"י) עפי"מ שפירשתי הפסוק 'זכר עשה לנפלאותיו', טייטשט ער דעם פסוק אז אונזערע אבות "כשהיו צריכין לאיזה נס ופלא אשר הוא איננו על דרך הטבע, היה כח בידם להמשיך שפע אלוקות מעולמות ומקורות עליונים קדושים, וזה מחסדי הקל יתברך אשר עשה עמנו ברוב רחמיו, והשאיר ברכה שמה אותן השערים ונביעות אשר נפתחו פעם אחת על ידי אבותינו הקדושים נשאר הרשימה מהנבועי ההיא לדורי דורות, שיכול השער הזה להשפיע דוגמתו גם עתה בעת הזאת כפי המצטרך לבני ישראל עם ה' לחסד קל יתברך להועיל להם איזה דבר שלא בדרך טבעי, וכשאנו צריכים לפקוד עקרות אז אנו קוראים פרשת והשם פקד את שרה וגו'".

זאגט דער סקולענער רבי "זעהן מיר פון די ווערטער אז מ'דארף פארציילן אזא מעשה פון א צדיק כדי צו מעורר זיין דעם זכות פון דעם נס וואס איז שוין געווען אמאל"..

איך האב אנגעהויבן צו דערציילן די מעשה, אבער דער סקולענער רבי האט מיך אפגעשטעלט, ער האט געבעטן איך זאל ציווארטן. ער האט אראפגעלייגט דאס קוויטל אויפן טיש, אנגעטון דעם גארטל, גענומען דעם קוויטל אין די רעכטע האנט, און געזאגט, "יעצט פארצייל"....

האב איך פארציילט: עס איז געווען א איד אינדערהיים וואס זיין זון האט זיך נישט געפירט ערליך. ער האט זיך געדרייט מיט שוואכע חברים, און ער איז געפאלן מדחי אל דחי, ביז ער איז אנגעקומען צו א מצב אז ער האט אנגעזאגט פאר זיין טאטן ער גרייט זיך צו חתונה האבן מיט אן ערלית, ר"ל. וויפיל דער טאטע האט געוויינט און געבעטן דאס קינד ער זאל נישט טון אזא זאך וואס וועט אים אפהאקן פון די גאלדענע קייט פון כלל ישראל, האט ער נישט געוואלט הערן פון גארנישט.

דער איד איז אריבערגעפארן קיין שימאני, און ער האט זיך משתטח געווען אויפן הייליגן ציון פון שימאניער רב, און ער איז צוריק אהיים געפארן.

ס'איז אריבער א וואך, איז דער זון געקומען צום טאטן, און ער האט אים געזאגט אז דער שידוך איז געווארן אויס, ס'איז נישטא קיין חתונה! דער טאטע האט זיך נישט געקענט גלייבן, און ער פרעגט דעם זון "פארוואס האסטו מחליט געווען מיך צו פאלגן ?", האט דער זון געענטפערט "ניין, איך האב נישט געוואלט פאלגן, עס האט אבער פאסירט אן עקסידענט, און די ערלית איז גע'הרג'עט געווארן, ממילא איז נישטא קיין חתונה"...

דער סקולענער רבי הערט אויס די מעשה, און ער האט געוואונטשן **"בזכות דעם שימאניער רב זאל זיין א ישועה"**. און ער האט מיר איבערגעגעבן דאס קוויטל אין די הענט, און געהייסן אז זייענדיג ביים ציון זאל איך הויך אויפ'ן קול פארליינען דאס גאנצע קוויטל, און דארט אראפלייגן.

כמובן 'פקודתו שמרה רוחי', זייענדיג אויפ'ן ציון האב איך פארגעליינט דאס קוויטל און דארט אראפגעלייגט.

עס האט נישט גענומען לאנג, און דער בחור איז אהיים געקומען, זאגנדיג פאר זיינע עלטערן אז די ערלית האט מחליט געווען אז זי וויל נישט דעם שידוך, און זי האט אים אפגעלאזט. ויהי לפלא.

ח' אלפים) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' יודל ראזענפעלד הי"ו

### בעתו ובזמנו

עס איז געווען ווען מיין עלטסטער זון איז געקומען אין עלטער פון שידוכים, האב איך כסדר מזכיר געווען ביי **כ"ק אדמו"ר הרה"ק רבי שמואל צבי מספינקא זלה"ה** (היארצייט כ"ז מנחם אב) פאר א זיוג הגון. ווען ער איז שוין געווען ניינצן יאר, האב איך אנגעהויבן מער צו מפציר זיין אז דער רבי זאל מבטיח זיין א גוטן שידוך בקרוב ממש.

ביז איינמאל האט זיך דער ספינקער רבי אנגערופן "ר' יודל, אויב ווען דער בחור איז געווארן אכצן איז דאס מיידל נאך געווען פופצן, קען ער נאכנישט קיין חתן ווערן"...

עס האט זיך ארויסגעשטעלט גענוי ווי דער צדיק האט געזאגט. עס האט נאך גענומען אביסל ביז ער איז א חתן געווארן, שפעטער ווען מיין זון איז א חתן געווארן בשטומ"צ, האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער מציאות איז טאקע גענוי אזוי געווען, ווען ער איז געווארן 18 איז זי נאך געווען 15. זי"ע.

**כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך:** צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת,
אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס"ד: ביטע רופט די מערכת Tellerkj@gmail.com/845-783-0735